# קרית ברסלב בלעטל

שנה ג'
נומער ק"ד
פרשת מקץ
תשפ"ב

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א




א שפאציר אין ווינן

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט"א

### וואס איז געווען איז געווען

יֶעצְט חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי; בֶּעט אִיךְ דִיר, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי אוּן קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶועז, וָואס אִיז גֶעוֶועז אִיז גֶעוֶועז, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען פוּן יֶעצְט אַרַיין כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

## זמנים
Liberty

פרשת מקץ - חנוכה - ר"ח טבת
ל' כסלו תשפ"ב

הדלקת הנרות ........... 04:10
מוצאי שבת .............. 05:40

מנחה מעריב פאר פרשת ויגש............... 05:25

# בריון
## צו די רעדאקציע

### פארפעלט איין חלק פון די נייעס

א גרויסן יישר כח פאר אייער הערליכע ארבעט וואס איר לייגט אריין יעדע וואך, עס דערקענט זיך די שווערע ארבעט וואס מען לייגט אריין יעדן איינציגן וואך, עס זאל ארויס קומען א דבר השלם, סיי די תוכן וואס ליגט אין דעם, עס איז אנגעפולט מיט אמונה, אנגעפולט מיט חיזוק פארן לעבן, און אזוי ווייטער.

און סיי די שיינע גרעפיקס וואס די בלעטל האט, איז גאר הערליך און שיין, עס ליינט זיך גאר געשמאק.

איך וואלט געוואלט מעורר זיין אויף איין נקודה פון די נייעס וואס איז געשטאנען פארגאנגענעם וואך, פונעם באזוך אין שטעטל דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, עס איז געווען הערליך באשריבן יעדע פרט פונעם באזוך, אבער איין וויכטיגע חלק האט איר אויסגעלאזט, דאס איז די באזוך ביים בית המדרש עצתו אמונה, און אזוי אויך די מקוה באזוך.

עס איז געווען א הערליכער באזוך וואס לוינט זיך צו ווערן באשריבן, מען איז איבער געגאנגען גאר וויכטיגע נקודות לגבי דעם בית המדרש, וויאזוי עס צו בויען ווייטער, און וויפל געלט עס לוינט זיך אריינצולייגן אינעם בית המדרש און אזוי ווייטער.

אויך וועגן די מקוה איז מען איבערגעגאנגען געוויסע וויכטיגע פרטים, און דער ראש ישיבה האט באקוקט יעדע דעטאל פונעם ארבעט.

מן הסתם איז עס בטעות ארויסגעפאלן, אבער איך טראכט אז עס לוינט זיך צו מאכן פון דעם א באשרייבונג.

א גרויסן יישר כח פאר אייער ארבעט, גייט אן ווייטער אריינצוברענגן דעם אייבערשטן אין די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח און צייט צו קענען אויפארבעטן דעם אויסגאבע יעדע וואך שענער און בעסער.

א מתפלל אין בית המדרש עצתו אמונה

רעדאקציע: עס איז בטעות ארויסגעפאלן, מיר האבן עס משלים געווען די וואך ביי די נייעס.

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**



**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

**אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1169

breslevofficeliberty@gmail.com



**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM



מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הערשל שניטצלער הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**

**צו די אפשערן פון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט



18carrot™
nature sparkles™

For all your Vitamins
& Health products



Zussman

1.833.818.5443 ask@18carrot.life




# שטעטל נייעס

## באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין בית המדרש עצתו אמונה



פארגאנגענעם מיטוואך פרשת וישלח האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה אין שטעטל פאר א קורצע אבער גאר שיינע באזוך.

דער גבאי פונעם בית המדרש מו"ה ר' יואל שניטצלער הי"ו איז איבערגאנגען מיטן ראש ישיבה שליט"א די ווייטערדיגע פלענער פונעם בית המדרש, עס איז געווען א רעדע צו אהערשטעלן דעם בית המדרש גאר שיין, מיט א דיזיינער וואס קען אויסשטעלן עס זאל זיין א הערליכער בית המדרש, אבער למעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל נישט יעצט אינוועסטירן אזויפיל געלט פאר א דיזיינער, מען זאל קודם לייגן שידראק אויף די ווענט, און דערנאך וועט מען זעהן די ווייטערדיגע פלענער.

און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "מען דארף נישט מורא האבן אז די שול וועט אזוי בלייבן מיט רויע ווענט, די בית המדרש אויף האשקי וואס איז היינט אזוי שיין, איז אויך פאר א לאנגע צייט געשטאנען מיט רויע שידראק ווענט, און ביים סוף איז עס געענדיגט געווארן גאר שיין, דא וועט אויך זיין א שיין בית המדרש".

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר ר' יואל נ"י וואס האט אוועק געגעבן זיין הויז פארן בית המדרש, און פירט דעם בית המדרש גאר שיין, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעם גוטס.

אזוי אויך ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע אינגעלייט וואס העלפן ארויס מיטן בויען, און אזוי אויך ביי יעדע געלעגענהייט וואס עס פעלט זיך אויס לייגן זיי צו א האנט, דער רבי וועט זיי זיכער נישט שולדיג בלייבן.

עס איז שווער אויסצורעכענען בפרטיות יעדן אינגערמאן ביים נאמען, ווייל עס קען פאסירן מען זאל פארזעהן איינעם בטעות, במילא זאל מען דאס אננעמען פאר א פערזענליכע דאנק.

## הערליכע שבת מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל

פארגאנגענעם שבת פרשת וישב האבן מיר געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א אויף שבת אין שטעטל.

קבלת שבת און אזוי אויך ביי שחרית האט דער ראש ישיבה געדאווענט פארן עמוד פון וואס אלע האבן גאר שטארק הנאה געהאט, די דאווענען האט געהאט אלע טעמים..

פרייטאג צונאכטס איז מען זיך צאמגעקומען נאכ'ן סעודה ביים ראש ישיבה אינדערהיים, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון יוסף הצדיק וויאזוי ער האט זיך דערהאלטן אין מצרים מיט אזא בעל הבית ווי פוטיפר, אלץ האט ער גערעדט צום אייבערשטן, און פוטיפר האט געמיינט אז ער מאכט כישוף. אזוי אויך אין תפיסה האט ער נישט געקענט פארליידן ווען די ערלים זענען געווען מרה שחורה, און פון דעם איז טאקע ארויסגעקומען זיין ישועה.

שבת אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט מען פארגעלערנט פעולת הצדיק. דער ראש ישיבה האט גאר שטארק ארום גערעדט וואס דער הייליגער רבי וויל אונז צוברענגען, אז מיר זאלן שטענדיג רעדן צום אייבערשטן, וואס דאס ברענגט נאכדעם אז מען זאל וויסן וויאזוי זיך צו פירן אין יעדן פאל, און נישט ווערן פארדרייט פון מענטשן וואס קומען דיר זאגן "קום אינוועסטיר אין מיין ביזנעס" בשעת די גאנצע ביזנעס איז אין גרויסער בלאף.

ביים שיעור איז אויך געזיצן א פרישער בר מצוה בחור, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: איך וועל דיר געבן א בר מצוה שיעור; "זאלסט יעדן טאג גיין אין א פלאץ וואס קיינער איז נישט דארט, און זאלסט זאגן פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס דריקט דיר."

שבת צופרי ביים קידוש האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארום גערעדט פון האלטן א שטוב מיט אלע כוחות, דאס איז די שענסטע חנוכה מתנה וואס דו קענסט געבן פאר דיינע קינדער, שלאג נישט און פארגיטיג נישט נאכדעם מיט מתנות.

אאינגעלייט קומען זאגן זייערע טענות וואס זיי האבן אין שטוב אויף די ווייב, און זיי קומען מיט טענות וואס איז לשם שמים, אבער דער אמת איז אז דאס איז נישט קיין לשם שמים, ווייל וואס האסטו צו קוקן שלעכטס אויף דיין ווייב? דו דארפסט זעהן פון דיין זייט צו טוהן אלעס אין די וועלט עס זאל זיין שלום אין שטוב.

ביי שלש סעודות האט מען ארום גערעדט פון זיין שטארקע מיט דאווענען מיט מנין, און אזוי אויך לערנען משניות, ווייל משניות האט א כח צו טוישן דעם מענטש, ער זאל ווערן אויס משוגע, און זיך אויפהערן איינרעדן אז יענער האט בעסער חתונה געהאט וכדומה.

## היכל הקודש
# נייעס

## הערליכער נסיעה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין אייראפע חלק א'



מיר ווילן איבערגעבן די נסיעה מיט די ווערטער וויאזוי דער ראש ישיבה שליט"א האט עס אראפגעשריבן פאר אונז.

מיר זענען ארויסגעפארן זונטאג נאכמיטאג פון נוארק צוזאמען פינף און דרייסיג מענטשן; אפאר בחורים פון ישיבה מיט אינגעלייט תלמידי היכל הקודש. אויפ'ן וועג האב איך געשריבן בריוון. איך בין געווען זייער פרייליך, ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל זיין פרייליך.

מיר זענען אנגעקומען קיין וויען מאנטאג אינדערפרי, מיר זענען צוגעפארן צום בית המדרש, מיר האבן געכאפט א טבילה, דארט האבן מיר זיך באגעגנט מיט נאך חברים תלמידי היכל הקודש פון ארץ ישראל, טייערע אינגעלייט, גרויסע מפיצים. מיר האבן געדאווענט, איך האב געליינט, עולה געווען לתורה און געבענטשט גומל. מען האט געגעסן פת שחרית און זיך ארויסגעלאזט קיין אונגארן.

אויפ'ן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט ביים ציון פון הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו, מיר האבן געזאגט אינאיינעם דעם "יום ראשון" פון תהלים, געזינגען ניגוני התעוררות און זיך מתבודד געווען. האברך ... נרו יאיר האט מיר געברענגט אלע נעמען פון די וואס העלפן די ישיבה, איך האב געבעטן פאר אלעמען, פאר דיר אויך, דיין נאמען איז געווען אויף די קוויטלעך. מיר האבן געדאווענט מנחה און זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגע נסיעה, זיבן שעה זענען מיר געפארן אלע אינאיינעם מיט א באקוועמע באס, רוב וועג, פאר לאנגע שעות, האבן מיר גערעדט שיחות וסיפורים פון הייליגן רבי'ן.

איך האב פארברענגט מיט די ארץ ישראל'דיגע חברים, מיר האבן זיך מחזק געווען מיט די אוצרות וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעגעבן פון רבי'ן. עס זענען געווען צוויי גבאים פון בית המדרש היכל הקודש ירושלים, מיר האבן גערעדט געוויסע פונקטן וואס מען דארף אכטונג געבן אין א בית המדרש היכל הקודש.

מיר זענען אנגעקומען אין אוהעל שפעט ביינאכט, מיר זענען געגאנגען קודם דאווענען מעריב, איך האב געזען אז עס איז דא א מקוה האט מיר אנגעכאפט א חשק זיך צו טובל'ען. הגם איך בין געווען אינדערפרי אין מקוה, אבער א ברסלב'ער חסיד גלוסט זיך ווי מער צו גיין אין מקוה, למעשה האב איך זיך אפגעבריט מיינע פיס, עס איז געווען קאכעדיג הייס, סכנת נפשות, איך בין ארויס מיט א נס.

מיר האבן געזאגט אינאיינעם "יום שני" פון תהלים און מיר האבן געזינגען דעם "אהבה רבה" ניגון פון רבי' הערשעלע רימנובער זכותו יגן עלינו, עס איז געווען א גרויסע התעוררות, איך האב געהאט גרויס התעוררות, איך האב זיך געעפנט מיין הארץ, איך האב געהאט אפאר מינוט גוטע התבודדות, אויך דארט האב איך פארגעליינט אלע נעמען פון אלע קוויטלעך.

איך בין ארויס פון דארט האב איך זיך אנגעהויבן גוט שפירן. דארפסט פארשטיין, נאכן פארן אזויפיל שעות ווערט מען צעטומלט, אבער אז דער אייבערשטער העלפט, מען קען זאגן אפאר אמת'ע דיבורים פאר'ן אייבערשטן, מען קען זיך אויסקרעכצן און לאזן א טרער - דארף מען שוין נישט עפעס מער.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין ליסקע צום הייליגן צדיק רבי הערשעלע ליסקער זכותו יגן עלינו, דער מחבר פונעם ספר אך פרי תבואה, א תלמיד פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו. מיר האבן דארט געזאגט אינאיינעם תיקון חצות, תיקון רחל און תיקון לאה, מיר האבן געזינגען אידישע תפילות אינאיינעם. מיר האבן געזינגען דעם ניגון פון הרב הקדוש רבי' אייזיקל קאלובער זכותו יגן עלינו: "גלות גלות, ווי גרויס ביסטו - שכינה הקדושה, ווי שיין ביסטו. וואלט דער גלות קלענער געווען - וואלט די שכינה שענער געווען". עס איז געווען א גרויסע התעוררות, צוביסליך זענען מיר געקומען צו זיך.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין קערעסטיר, מיר האבן זיך דערכאפט דאס הארץ, עס איז געווען צוגעשטעלט א געשמאקע סעודה, מיר האבן דארט גענעכטיגט.

דינסטאג אינדערפרי' האבן מיר זיך גע'טובל'ט אין מקוה און געדאווענט, געגעסן פת שחרית און ארויף צום ציון פון הרב הקדוש רבי' ישעי'לע מקערעסטיר זכותו יגן עלינו. מיר האבן געזאגט דעם יום תהלים, "יום שלישי", נאכדעם האבן מיר געזינגען ניגוני התעוררות און זיך מתבודד געווען.

איך האב געבעטן פאר דיר דארט. איך וועל דיר זאגן דעם

## היכל הקודש

# נייעס

אמת, איך וואלט נישט געדענקט צו בעטן פאר דיר, נאר האברך ... נרו יאיר האט מיר געגעבן דיין נאמען מיט נאך אסאך נעמען, די אלע וואס העלפן די מוסד, האב איך געבעטן פאר דיר; עס איז געווען א גרויסע התעוררות.

האברך ... נרו יאיר פון קרית ברסלב האט געמאכט אן אפיל, מען האט צאמגענומען צדקה פאר'ן בית התבשיל, פאר נצרכים פון אנשי שלומינו. פון קערעסטיר זענען מיר געפארן קיין מַאַד, אויפ'ן וועג האבן מיר געהאט שיחות חברים מיט די חברים פון ארץ ישראל און פון חוץ לארץ.

איך בין יעצט אביסל אפגעמאטערט פון די נסיעה, איך האב נישט די כוחות זיך מצמצם זיין צו שרייבן וואס מען האט גערעדט, הלוואי זאלן די אינגעלייט דאס אפשרייבן; מען האט גערעדט אזעלכע שיינע שיחות וסיפורים פון מוהרא"ש און אנשי שלומינו.

מיר האבן געזאגט צען קאפיטלעך תהלים ביים ציון פונעם קול ארי' זכותו יגן עלינו, נאכדעם האבן מיר געזאגט דעם קאפיטל "שיר המעלות ממעמקים" פסוק בפסוק ביים ציון פונעם לבושי מרדכי זכותו יגן עלינו. מיר האבן געזינגען די שיינע זיסע ליד: "איך וויל זיין א איד, איך וויל זיין א איד - איך וויל זיין א פשוט'ער איד, ווייל דער עיקר אידישקייט - זאגט דער הייליגער רבי - איז זיך פירן בתמימות ובפשיטות". מען האט דאס געזינגען מיט'ן גאנצן הארץ צום אייבערשטן.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין קאלוב, אויפ'ן וועג האבן מיר געלערנט דעם שיעור גמרא, עס איז געווען אזוי שיין צו זען ווי אזוי אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן. מיר האבן געזינגען ניגונים פון הרב הקדוש מקאלוב, מען האט זיך מחזק געווען מיט דעם רבינ'ס עצות פון דאנקען דעם אייבערשטן. בפרט יעצט אין די הייליגע חנוכה טעג, זאגט דער הייליגער רבי (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ב) חנוכה איז טעג פון הודאה; דער גאנצער לעבן ווערט גוט און זיס ווען מען דאנקט דעם אייבערשטן, מען ווערט נענטער און נענטער צום אייבערשטן.

ביים ציון פון הרב הקדוש מקאלוב זכותו יגן עלינו האבן מיר געזען די טיטל וואס מען האט געשריבן אויף די מצבה: "הי' ערליכער איד, והי' לומד גמרא על הדף".

מען האט געזאגט דארט די סוף פונעם יום תהלים, "יום רביעי", מען האט געזינגען א ניגון פון הרב הקדוש מקאלוב זכותו יגן עלינו, געדאווענט מנחה און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין רומעניע.

אויפ'ן וועג האבן מיר גערעדט מעשיות וואס מיר האבן געהאט, ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט'ן באצאלן חובות. די וועג קיין רומעניע איז געווען אביסל שווער, מען האט אונז אויפגעהאלטן ביים גרעניץ אפאר שעה, מען איז אנגעקומען שפעטער ווי געפלאנט קיין סיגוט.

אין סיגוט האט קהילת סאטמאר געבויט א הערליכע בנין, א מקוה, א בית המדרש - מיט אלע באקוועמליכקייטן, דו מיינסט ממש אז דו ביסט אין וויליאמסבורג אדער מאנרא. מיר האבן דארט געגעסן, געדאווענט מעריב און געגאנגען צום ציון פונעם הייליגן ייטב לב, קדושת יום טוב און עצי חיים זכותם יגן עלינו. מיר האבן דארט געזאגט איניינעם תיקון חצות, דארט ביים ציון, נאכדעם האבן מיר געזאגט תהלים, "יום חמישי".

לכתחלה האבן מיר געהאט אין פלאן צו פארן קיין קארלסבורג צום מראה יחזקאל זכותו יגן עלינו, אבער א טייל עולם האבן זיך ממש געבעטן מען זאל אפשטעלן די נסיעה, עס איז געווארן חלוקי דעות, א טייל האבן געזאגט מען זאל גלייך פארן קיין קארלסבורג, א טייל האבן געזאגט אז אויב מען פארט ווייטער שפירן זיי אז דאס וועט זיי צוטרעטן צום מח, עס איז נישט פאר זייערע כחות צו פארן יעצט ביינאכט א נסיעה פון זעקס שעה.

איך האב געהאט גרויס חשק צו פארן קיין קארלסבורג, די גאנצע זאך וואס מיר זענען געפארן בכלל קיין רומעניא איז נאר געווען אז מיר זאלן קענען גיין קיין קארלסבורג, דאך האב איך זיך געמוזט רעכענען מיט די אויסגעמוטשעטע אידן, מען האט אפגעשטעלט די נסיעה און מען האט זיך אראפגעלייגט פאר דריי שעה, פון דריי אזייגער פארטאגס ביז זעקס אזייגער.

מען האט געדאווענט און זיך ארויסגעלאזט קיין קלויזנבורג, א וועג פון פיר שעה, אויפ'ן וועג האבן מיר געלערנט דעם דף גמרא. מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אין אונז אזוי שטארק איינגעבאקן מיר זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, אפילו מען איז אונטערוועגנס, צעבראכן און צעפארן, דאך איז מען נישט מוותר אויפ'ן בלאט גמרא.

וואס זאל איך דיר זאגן מיין טייערער ברודער, מיין הארץ איז פול מיט לויב און דאנק צום אייבערשטן אז ער האט אויף מיר רחמנות געהאט, מיך מקרב געווען צום רבי'ן; וואו וואלט איך געווען, ווי אזוי וואלט איך אויסגעזען אן דעם רבינ'ס עצות, שכל און חיזוק? דאס האלט אונז ביים לעבן, דאס ברענגט אונז צום אייבערשטן. אז מען פאלגט דעם רבי'ן, מען באנוצט זיך מיט די עצה פון התבודדות און תפלה - איז מען גאר גליקליך.

מיר קומען שוין אן אין קלויזנבורג עירפארט, מיר פארן פון דארט קיין ווארשא און פון דארט פארן מיר אהיים קיין ניו יארק.

ביז דא איז די ווערטער ווארט ביי ווארט פונעם ראש ישיבה שליט"א, אראפגעלייגט די גאנצע נסיעה על פי הסדר.



# מעשיות פון תפילה

## הענך אינדיג, קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער איך האב געקענט מיטפארן צו די נסיעה אויף אייראפע מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א.

עס איז געווען גאר א געשמאקע נסיעה, מען איז געפארן צו אסאך קברי צדיקים איינס נאכן אנדערן, ביים סוף איז מען געווען נישט ווייט פון די שטאט קארלסבורג וואו דער ראש ישיבה׳ס זיידע ליגט, און מען האט אנגעהויבן טראכטן צו מען זאל אהינגיין, ס׳געווען נאכן פארן פאר א לאנגע צייט און איך און נאך אנדערע זענען שוין געווען זייער מיד און אויסגעמאטערט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מ׳זאל נישט פארן נאר מ׳זאל בלייבן וואו מען איז, אזוי זאל מען זיך קענען אביסל אראפלייגן שלאפן און קומען אביסל צו די כוחות.

שכח אייבערשטער אז צום סוף איז מען טאקע נישט געפארן און מען האט געקענט שלאפן דארט פאר צוויי שעה און קומען צו די כוחות צו קענען פארן ווייטער.

## מנחם שטיינבערג, קרית ברסלב:

א) שכח אייבערשטער אז מ׳איז שוין צוריק נאכ׳ן זיין ביים הערליכן נסיעה אין אייראפע ביי קברי צדיקים אויף די נסיעה מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א, ברוך השם אז מ׳האט געקענט פועל׳ן אלעס גוטס ביי די הייליגע צדיקים, און הערן געשמאקע שיחות און התחזקות פונעם ראש ישיבה שליט״א.

פארן ארויספארן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל וויסן וואו דער ראש ישיבה גייט זיצן אויפן פליגער ווייל איך האב געוואלט זיצן נעבן דעם ראש ישיבה. שכח אייבערשטער אז דער טרעוועל אגענט האט מיך געבעטן אז איך זאל ארייננטשעקן דעם ראש ישיבה אזוי האב איך געוויסט וואו דער ראש ישיבה זיצט האב איך געקענט נעמען דעם זיץ נעבן.

ב) אויפן וועג צוריק זייענדיג גאר אויסגעמוטשעט פון דעם נסיעה האב איך זייער שטארק געוואלט זיצן אין ביזנעס קלאס זיך צו קענען אביסל אויסציען די ביינער, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען זיצן אין ביזנעס קלאס און ס׳זאל נישט זיין צו טייער. איך בין געגאנגען צו די פליגער מאנשאפט און זיי געפרעגט אויב ס׳איז נאך דא א זיץ אין ביזנעס פאר מיך, האבן זיי געזאגט אז יא, איין פלאץ איז דא וואס געווענליך קאסט עס אפאר טויזנט דאלער צו אפגרעיד״ן אבער יעצט ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן האט עס געקאסט נישט מער פון אפאר הונדערט דאלער.

## ישראל קרויס, וויליאמסבורג:

איך האב א ארבעט יעדן אינדערפרי צו דעליווערן ברויט דא אין שטאט וואו איך וואוין, וואס דאס נעמט אפאר שעה יעדן טאג.

איין טאג נאכ׳ן ענדיגן אראפליגן ברויט ביים לעצטן געשעפט האב איך באמערקט אז מיין טעלעפאון איז נישט מיט מיר, ערגעץ אינמיטן וועג האב איך עס פארלוירן אבער איך האב נישט קיין השגה וואו, עס איז געווען שווער נאכצוגיין וואו עס ליגט, ווייל איך האב עס נישט געהאט גענוצט פאר די לעצטע צוויי דריי שעה. איך האב פרובירט זיך צו דערמאנען וואו איך האב עס געקענט איבערלאזן אבער אן קיין ערפאלג, איך האב געבעטן איינער זאל רופן מיין טעלעפאון אפשר האט עס איינער שוין געטראפן אבער גארנישט, קיינער ענטפערט נישט.

האב איך געזען אז איך האב נישט קיין אנדערע עצה נאר צו בעטן דעם אייבערשטן, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, ווייל אויף דעם טעלעפאון האב איך זייער וויכטיגע זאכן וואס אויב טרעף איך נישט דעם טעלעפאון האב איך נישט קיין שום וועג צוריקצובאקומען די אלע זאכן.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר תפילות רופט מען מיך פון איינע פון די מוסדות וואו איך דעליווער די ברויט אז זיי האבן עס געטראפן. שכח אייבערשטער.

## שלום שניטצלער, וויליאמסבורג:

איך האב וויכטיג געדארפט האבן א סכום געלט צו באצאלן עפעס, אבער איך האב נישט געהאט פון וואו צו נעמען דאס געלט, האב איך זיך דערמאנט אין די סוגיא וואס מ׳טוט דורך יעצט אין ישיבה וואס דאס איז איבער די נושא פון תפילה אז וואס מען דארף און וואס מען וויל איז נישט דא צו ווען צו גיין, ווייל קיינער קען מיך נישט העלפן נאר דער אייבערשטער אליין און אים דארף מען בעטן, און מען קען אים בעטן אויף וועלכע שפראך מען רעדט ווייל דער אייבערשטער פארשטייט אלע שפראכן.

האב איך דאס געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף האבן געלט, מיטאמאל קלינגט מיר איינער אן און זאגט מיט אז ער וויל מיר געבן געלט פאר די הוקא״פ פון די טעגליכע שיעורים וואס איך מאך יעדן טאג אויפן טעלעפאון און ער וויל מיר באצאלן פון פאראויס פאר אפאר חדשים. שכח אייבערשטער אז וואס איך בעט געבסטו מיך!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט״א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אִיז אַ גוּטֶע צַייט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **לָאז אָפּ דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים**; רֶעד נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶע זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם עֲבֵירוֹת אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט דִי וָואס רֶעדְן לֵיצָנוּת אוֹיף דִי תּוֹרָה.

יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט, דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי דִי גְמָרָא זֶעט אוֹיס; שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ דַאוֶונְסְט נִישְׁט, דוּ טוּסְט נִישְׁט אָן קַיין תְּפִלִין, יֶעצְט חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט עֶס אִיז אַ צַייט **וָואס מֶען עֶפְּנְט אוֹיף אַלֶע טִירְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): **״בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵר״; ״אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל״**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, **״הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה״**, דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, ״וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס״, וֶוער עֶס וִויל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים; הֵייבּ אָן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה**, זָאג מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא; דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶער דֶעם קוֹל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קנג): **״גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!״** דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיינֶע רְצוֹנוֹת, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן זַיין גוּט. הֵייבּ זִיךְ אוֹיף טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ה.): **״אֵין כָּל דָּבָר עוֹמֵד בִּפְנֵי כָל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה״**, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק.

**אַ גוּטְן חֲנוּכָּה.**



# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט״א

## נישט ווערן באליידיגט, נאר ווייטער אנגיין

דער ראש ישיבה שליט״א האט אמאל מוסר גע'זאגט פאר א בחור אין ישיבה, דער בחור האט זיך געשפירט געטראפן פון די מוסר וואס דער ראש ישיבה שליט״א האט אים גע'זאגט, און ער איז צוליב דעם נישט געקומען אין ישיבה פאר א שטיק צייט.

נאך א שטיק צייט, ווען דער בחור האט זיך אביסל געשטארקט און איז צוריקגעקומען אין ישיבה האט דער ראש ישיבה שליט״א צו אים גע'זאגט: ווען דער ראש ישיבה זאגט עפעס, אפילו שטרענגערהייט, דארפסטו נישט ווערן באליידיגט; איך זאג דיר נאר ווייל איך וויל דו זאלסט ווייסן וויאזוי זיך צו פירן. מען דארף ווייטער אנגיין, און פון יעצט און ווייטער וועסטו שוין ווייסן וואס דו האסט צו טון אין דעם נושא.

דער ראש ישיבה שליט״א האט גע'זאגט: בכלל, א מענטש דארף נישט ווערן באליידיגט און זיך שפירן געטראפן ווען איינער שרייט אויף דיר; וואס וועסטו טון נאך די חתונה אז דיין ווייב וועט אמאל שרייען אויף דיר: ״וואס ביזטו אהיימגעקומען אזוי שפעט?! אדער: ״פארוואס העלפסטו נישט?!״ וועסטו אויך ווערן באליידיגט און נישט אהיימקומען מער״?.

# מלוה מלכה

מיר ווילן איינלאדענען אלע אנשי שלומינו צום גרויסארטיגן

**סעודת מלוה מלכה**

**צוזאמען מיט א**

**סעודת ראש חודש**

**וואס וועט פארקומען**

**מוצאי שבת קודש פרשת מקץ - חנוכה**

**בהשתתפות הראש ישיבה שליט״א**

**אינעם בנין תלמוד תורה**

**39 טשעסנאט ליבערטי ניו יארק**

**הגבאים**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת מִבַּיִת וּמִחוּץ, וְויל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי גְרוֹיס דַיין זְכוּת אִיז, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַּארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): **"תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא"**, קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא"**, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, **"וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי"**, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, **"וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי"**, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **"כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי"**, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **"עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ"**, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

**נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי הֲפָצָה**, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): **"כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל"**, וֶוער עֶס רַאטֶעוֶועט נָאר אֵיין אִיד, **"מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא"**, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר מַאכְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת אוּן דְרָשׁוֹת וְכַדוֹמֶה - דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְךְ דִי סְפָרִים.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן סַיי פוּן אִינֶעוֵוייניג, חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן אִינֶעוֵוייניג טוּט מֶער וֵויי וִוי חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן אִינְדְרוֹיסְן; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, **לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי נֵייעֶ סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרוּקְט, קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר שִׁיקְן אַפָּאר סְפָרִים, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## א מעשה פון הפצה

א פרישער בחור אין ישיבה פארציילט:

איך האב אנגעהויבן צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א שוין א לאנגע צייט צוריק, און איך האב געוואלט ארייננקומען אין ישיבה.

מיין טאטע האט אבער נישט געהאט קיין חשק אז איך זאל לערנען אין א ישיבה וואס אויף די גאס רעדט מען שלעכטס אויף די ישיבה, האט ער מיר געזאגט "די שיעורים קענסטו הערן אבער אריין אין ישיבה, דאס נישט".

ס'איז אריבער א שטיק צייט. איין טאג מיין טאטע זיצט און לערנט מיט זיין חברותא - א חשובער מגיד שיעור - פארטאגס און היכל ראזענבערג אין קרית יואל, פלוצלינג קומט אריינצושטורעמען א נישט געזונטער מענטש און הייבט אן צו עפענען איין ספר נאכן צווייטן און ווען ער טרעפט ענדליך א גליון היכל הקודש אין א ספר צורייסט ער דאס מיט א כעס, אזוי גייט ער ארום דעם גאנצן בית המדרש.

מיין טאטע'ס חברותא, דער מגיד שיעור, רופט זיך אן צו מיין טאטע "וואס וויל דער מענטש?? וואס צורייסט ער די הערליכע גליונות וואס איז מחיה טויזנטער מענטשן", "איך מיט מיין גאנצע משפחה לעבן פון די גליונות". מיין טאטע האט נישט געקענט גלייבן וואס ער הערט, "דער מענטש פון וועם איך שעם זיך ער לעבט גאר פון ברסלב" נאך יענעם טאג האט ער מיך געזאגט דו קענסט גיין אין ישיבה.

דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה און געזאגט אז דאס איז א מורא'דיגער חיזוק פאר מפיצים, מ'מיינט אמאל אז מ'צורייסט דאך עס סייווי, אבער דווקא פון דער מענטש וואס האט צוריסן ווייל ער האט נישט געוואלט אז איינער זאל עס טרעפן, דייקא פון דעם איז א חשוב'ער בחור מקורב געווארן.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161



צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## פרישע שיפמענט אנגעקומען



שוין א לאנגע צייט וואס מען קען שוין קויפן ספרים און קונטרסים וכו' אויף די ברסלב סענטער וועבזייטל, עס איז גאר שיין מסודר און אהערגעשטעלט, עס זאל זיין גרינג און געשמאק אייצוקויפן, לעצטנס איז די ספרים און קונטרסים מיט הארטע דעקלעך כמעט שוין אויסגעגאנגען, צוליב די פילע איינקויפער וואס מיר האבן יעדן טאג, צוליב דעם האט מען באשטעלט א פרישע שיפמענט מיט ספרים גלייך פון ארץ ישראל, אבער מען האט געווארט ביז יעצט עס זאל אנקומען.

יעצט קומט אריין די גוטע נייעס, אז עס איז שוין ברוך השם אנגעקומען דער ריזיגער שיפמענט מיט הונדערטער ספרים פון רבי'ן, רבי נתן און מוהרא"ש זי"ע, וואס דאס וועט שטארק אויסברייטערן די אנליין געשעפט אויף 'ברסלב סענטער' מיט א פרישע גאר ברייטער אויסוואל פון די אלע נייע ספרים.

דער אנליין געשעפט אויף 'ברסלב סענטער' שטעלט צו פרייע דעליווערי פאר ארדערס העכער $35 זייט פון די ערשטע צו קויפן פון דעם לעצטן שיפמענט ספרים וואס איר ווארט שוין אזוי לאנג צו באקומען גראד צו אייער טיר.

דאס איז נאך א רינגעלע אין די קייט פון הדפסה והפצה ספרי רבינו אין די גאנצע וועלט.

# בילדער פון קרן הדפסה



מען דרוקט גליונות מיט די נייע מאשין



דער ראש ישיבה קוקט איבער די גליונות וואס מען דריקט



דער ראש ישיבה גייט איבער געוויסע וויכטיגע דעטאלן

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| עזרא בוים<br>קרית ברסלב | מרדכי לייב טירנויער<br>קרית יואל | משה שטיינווארצל<br>פלעטבוש |
| שמחה בלאך<br>לאנדאן | משה פריעד<br>וויליאמסבורג | הרוצה בעולם שמו<br>דזערזי סיטי |
| אברהם חיים וויזעל<br>קרית יואל | שמעון קרדוזו<br>קרית ברסלב | ישראל מנחם ראזענבערג<br>וויליאמסבורג |
| יצחק יונה זאבעל<br>קרית יואל | יצחק משה רייך<br>בארא פארק | יעקב היילפרין<br>סטעטן איילענד |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370



# א מעשה
# פון א צדיק

## מעשה פון הייליגער צאנזער רב זי"ע

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ יָחִיד בַּדוֹר אִין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען דֶערְצֵיילְט וֶוען זַיין זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶעלֶע, הָאט אִים אַ גְבִיר אַמָאל גֶעטְרָאפְן לִיגְן אִין בֶּעט, פְרֶעגְט עֶר אִים: יְחֶזְקֶעלֶע, פַארְוָואס לִיגְסְטוּ אִין בֶּעט? בִּיזְט נִישְׁט גֶעזוּנְט?! הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: דֶער טַאטֶע הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען דִי שִׁיךְ, אוּן אוֹיךְ מַיין נַייֶע אַנְצוּג, אוּן דָאס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אַ יָתוֹם, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַרוֹיס צוּ גֵיין אַזוֹי.

וִוי בַּאווּאוּסְט הָאט מֶען טַאקֶע בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב אִין שְׁטוּבּ אַלֶעס גֶעמוּזְט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם טַאטְן, וַוייל אַלֶעס הָאט עֶר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן כְּדֵי צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אַמָאל זֶענֶען אִידְן פוּן פּוֹילְן גֶעוֶוען אִין דַייטְשְׁלַאנְד פַאר בִּיזְנֶעס, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַ אוֹיבֶּערְלֶענְדֶער אִיד אָן אַ בָּארְד וֵויינְט, פְרֶעגְן זֵיי אִים: פַארְוָואס וֵויינְט אִיר? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אִיךְ קוּם יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דָאקְטָאר, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מַיין זוּהְן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, זָאגְן זֵיי אִים: וָואס? דֶער דָאקְטֶער אִיז שׁוֹין אוֹיךְ בַּעַל הַבַּיִת?! פָאר קַיין צַאנְז, דָארְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, גֶעט אִים צְדָקָה, וֶועט אִיר אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּהְן, וֶוען עֶר אִיז אָנְקוּמֶען קַיין צַאנְז, אוּן עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב, פְרֶעגְט עֶר אִים גְלַייךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: אִיר הָאט פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ? [עֶר הָאט אִים נִיטְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט אוּן וָואס עֶר וִויל וְכוּ׳] עֶנְטְפֶערְט עֶר: יָא! זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: גֶעבְּט אַהֶער דִי פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, אוּן גֵייט לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

דֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט: דִי פּוֹילִישֶׁע שְׁווִינְדְלֶערְס הָאבְּן מִיר דָא אַרַיינְגֶענַארְט אוּן פַארְשִׁיקְט צוּ עֶפֶּעס אַ אִיד וְכוּ׳, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן: עֶס אִיז מִיר שׁוֹין בִּיז הַיינְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דָאקְטוֹירִים, זָאל שׁוֹין דִי פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ אוֹיךְ שָׁאדְן גֵיין.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער פוּן צַאנְזֶער רָב, דֶער שִׁינָאוֶוער רָב מִיטְן גָארְלִיצֶער רָב וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער שִׁינָאוֶוער רָב פַארְן גַבַּאי: לוֹיף אִים שְׁנֶעל נָאךְ, כְּדֵי מֶען זָאל אִים צוּרִיק גֶעבְּן דִי פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, וַוייל עֶר וֶועט נָאךְ בַּארֶעדְן דֶעם טַאטְן, אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ חִילוּל הַשֵּׁם, זָאגְט אִים דֶער גָארְלִיצֶער רָב: נֵיין בְּרוּדֶער! אַז דֶער טַאטֶע הָאט פוּן דֶעם אִיד גֶענוּמֶען גֶעלְט, וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אִיד אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיין גָאט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אָבֶּער אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַ פַארְטְרֶעטֶער דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעווּאוּסְט! וַוייל זַיין זוּהְן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן; הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען הַיינְט אִין מִקְוֶה, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק, אַזוֹי וִוי אִיךְ מוּז הֶעלְפְן פַאר אָרִימֶעלַייט, אוּן אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ פַאר אַ גֶעוִויסֶע צְדָקָה, וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער מִיר צוּ גֶעבְּן דֶעם סְכוּם, דֶער וֶועט זִיכֶער זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, אוּן פּוּנְקְט אִיז דֶער אִיד גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט גֶעלְט, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז פוּן גֶעבְּן צְדָקָה דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל וִויסְן וואוּ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה.

(גענומען פון קונטרס "דו ביזט א חידוש")



# דעם רבי'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 12

**פארזעצונג פון פריער:**

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן גֶעמַאכְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן גָאר אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער אַלֶעס גֶעלִיטְן אוּן גֶעשְׁוִויגְן.

...

יֶעדֶעס מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען, אוּן מִיט סַיי וֶועלְכֶע נָאמֶען זֵיי הָאבְּן אִים גֶערוּפְן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי אִים פְּלוּצְלִינְג גֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען יְשַׁעְיָה, צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע דֶער זוּן פוּנֶעם קָאמַארְנֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן יְשַׁעְיָה, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי, אוּן פוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר אִיז זִיכֶער אַ זוּן פוּנֶעם קָאמַארְנֶער, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעוִויזְן מִיט רְאָיוֹת אַז עֶר אִיז נִישְׁט זַיין זוּן. דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן פוּן אַ מַתָּנָה וָואס דֶער קָאמַארְנֶער הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ זַיין זוּן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים וַוייזְן זַיין מַתָּנָה, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין ווִידֶער גֶעזֶען אַז עֶר אִיז יָא זַיין זוּן, אוּן נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי ווִידֶער גֶעשָׁאלְטְן דֶעם קָאמַארְנֶער. אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן גֶערֶעגְט, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס רוּפְסְטוּ זִיךְ יֶעדֶעס מָאל מִיט אַ צְוֵוייטְן נָאמֶען? אוּן פַארְוָואס הַאלְסְטוּ אִין אֵיין טוּישְׁן דַיין פְּלַאץ פוּן וואוּ דוּ קוּמְסְט?", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַזוֹי וִוי יֶעדֶע נָאמֶען אִיז לוֹיט דִי מִדָּה אוּן סְפִירָה צוּ וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' דִי אַלֶע מִדּוֹת, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אַלֶע נֶעמֶען" (עַיֵין פַּרְדֵּס רִמּוֹנִים, שִׁיעוּר קוֹמָה ה').

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן דָארְט זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער גֶעטוּן אַלֶע מִינֵי פְּעוּלוֹת אַז זֵיי זָאלְן אִים נָאךְ מֶער פַארְשֶׁעמֶען. אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אִים נָאךְ מֶער גֶעשָׁאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמְט.

אֵיינְמָאל אִין אַ פְרַייטָאג זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן בֶּעט בָּארְוֶועס אוּן אָן אַ גַארְטְל אוּן הוּט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז מַיין קֶערְפֶּער זֵייעֶר גְרִינְג, אוּן יֶעצְט אִיז עֶס אַזוֹי שְׁוֶוער? אִיךְ קֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ". הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וַוייל יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גֵייט דִי נְשָׁמָה אַרוֹיף, אוּן דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה קוּמְט אַרָאפּ (עַיֵין בֵּיצָה ט"ז:), אָבֶער בַּיי דִיר אִיז דַיין נְשָׁמָה טַאקֶע אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶער אַ נְשָׁמָה יְתֵירָה בִּיסְטוּ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז דַיין גוּף גֶעבְּלִיבְּן וִוי אַ שְׁטֵיין". הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "וֵויי אִיז עֶנְק, אֲפִילוּ אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ קֶענְט אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְנֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען. נָאר ר' יִצְחָק וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶענוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט עֶסְן שַׁבָּת נָאר מִילְכִיג, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קַיין פְלֵיישׁ דָארְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶער גֶעהַאט דָארְט עֶפֶּעס אַ שׁוֹחֵט, הָאבְּן זֵיי יָא גֶעהַאט פְלֵיישׁ אוֹיף שַׁבָּת.

אוֹיךְ אוּם שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן, וַוייל עֶר אִיז אַרַיין צוּ זֵיי אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעגֶעסְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיגְן מִיט אִים בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְשְׁטוֹיסְן, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיס גֶעפִילְדֶער. אוֹיךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי.

דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעטוּן אַסַאךְ קִינְדֶערִישֶׁע אוּן נַארִישֶׁע זַאכְן, וָואס מְ'קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אוּן דֶערְצֵיילְן. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ צֶערִיסֶענֶער מַלְבּוּשׁ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בָּארְוֶועס אָן שִׁיךְ אוּן אָן קַיין הוּט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט דָארְטְן וִוי אַ פְּרָאסְטֶער יוּנְג, מִיט אַ שְׁטֶעקְן אִין הַאנְט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי יוּנְגְוַוארְג, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט אַזוֹי וִוי אַ מִלְחָמָה אֵיינֶער קֶעגְן צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעטוּן דָארְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט קִינְדֶערִישֶׁע אוּן נַארִישֶׁע זַאכְן

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

חלק א'

~ שבת פרשת וישלח תשפ"ב ~

די וואך האט די שרייבער פון דעם 'קרית ברסלב בלעטל' געהאט די זכיה צו זיין ביים 'סעודה פונעם ראש ישיבה'. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו אים "די וואך ביסטו אליין דא וועסטו קענען אפשרייבן די סעודה".

ווען מען איז אהיימגעקומען פון שול האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "מאמי, דו ווייסט ווי שיין די קינדער האבן געדאוונט אין שול! ממש א מחי'". (מ'האט געקענט מיינען אז דאס איז די ערשטע וואך וואס די קינדער גייען און שול און די ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה זאגט עס, ווייל דער ראש ישיבה האט עס געזאגט מיט אזא פרישקייט אזוי ווי ס'איז די ערשטע מאל.)

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווער גייט אויפהייבן די בעכער?" ס'איז געבליבן אז דער וואס איז געזיצן נעבן דעם ראש ישיבה גייט עס אויפהייבן, ער האט עס אויפגעהויבן נאר מיט פינף פינגערס האט דער ראש ישיבה געזאגט "ניין ניין! מען הייבט אויף מיט אלע צען פינגערס, יא יא, מיט די קליינע פינגער אויך". דער גאסט וואס האט געגעסן דארט האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אז ער האט מיידלעך אויב מ'דארף זיי בעטן אויפצוהייבן דעם בעכער, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יא ווייל ס'איז א כבוד פאר די מצווה ווען א צווייטער הייבט אויף די בעכער.

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געוואשן אלע קינדער, און דערנאך געטיילט חלה פאר יעדעם, און דער ראש ישיבה האט געזאגט יעדן'ס נאמען שיק ארויף פאר אים און פאר אים ביז פאר די כלה האט דער ראש ישיבה געזאגט "שיק ארויף פאר די כלה", האט זיך איינער פון די קינדער אנגערופן: ז' האט דאך א נאמען! האט דער ראש ישיבה געזאגט ניין שיק פאר 'די כלה', מיט דעם בין איך מקיים די מצווה פון כיבוד אם; ווייל מיין מאמע פרעגט מיר שטענדיג אויב איך מאך אן עסק אין שטוב פון די כלה, ווייל ווען עס איז דא א שמחה אין שטוב א חתן אדער כלה אדער בר מצווה בחור דארף מען מאכן אן עסק פון די שמחה".

מען האט אריינגעברענגט די פיש. נאך די פיש האט דער ראש ישיבה ארויסגעטראגן זיין טעלער און זיך געוואשן די הענט און געזאגט פאר זיין ווייב אז די פיש איז געווען זייער גוט.

ביי די סעודה האט מען גערעדט פון דעם קרית ברסלב בלעטל, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער אויב זיי ווייסן ווער דאס קינד פון די קינדער אפטיילונג איז, די קינדער האבן נישט געוויסט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז מוהרא"ש אלס קינד.

אזוי ווי יעדע וואך האט מען געמאכט אסאך ווערטלעך ביי די סעודה, און איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן אז מ'קען מאכן א ווערטל קאלום אין די בלעטל ווי עס וועט שטיין שיינע ווערטלעך יעדע וואך. האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן "טאקע א גוטע עצה, ס'קען הייסן 'נחמן נתן מאכט פרייליך ביי די סעודה". דער ראש ישיבה האט פארציילט א וויץ: איינמאל ביי א חתונה איז איינער צוגעקומען צום מחותן און אים געפרעגט "דו ביסט דער בעל שמחה?" האט דער מחותן געזאגט "קום לאמיר דיר ווייזן ווער דער בעל שמחה איז," ער פירט אים ארויף צו די צווייטע שטאק וואו די אפיס פונעם זאל איז געווען און זאגט פאר דעם איד "זעסט? דא אינעם אפיס איז דער בעל שמחה, ער מאכט געלט היינט נאכט, איך בין דער בעל חוב".

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר זיין ווייב אז היינט איז ארויפגעקומען אין ישיבה אן עלטערער איד, און ער האט געזאגט פארן ראש ישיבה "מיין גאנצע לעבן קום איך פאר'ן ראש ישיבה, איך קום טאקע נישט ארויף אין ישיבה, איך שעם זיך, אבער מיין גאנצע חיות איז פון די שיעורים" און דער איד האט צוגעלייגט "אויף די וועלט קום איך טאקע נישט ארויף אין ישיבה אבער יעדן טאג מאך איך אן עקסטערע טבילה אין מקוה אז איך זאל אויף יענע וועלט זיין אינעם ראש ישיבה'ס היכל אין גן עדן". האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן נאכ'ן פארציילן די מעשה "אויב דא אויף די וועלט האט מען נישט געקענט איבערקומען די שוועריקייטן ארויפצוקומען, איז אויף יענע וועלט סאך שווערער, ווייל דארט זענען דא מלאכים וואס רעדן אפ דעם מענטש".

עס איז מיר געווען אינטערסאנט צו זען וואו דער ראש ישיבה איז מחנך די קינדער ווען איך האב געזען איינער פון דעם ראש ישיבה'ס יונגלעך האבן זיך געשפילט מיט זיין שוועסטער, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן שטרענג: "מ'כאפט נישט אן קיין מיידלעך! אפילו א שוועסטער."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די בחורים "וויאזוי ביסטו מקורב געווארן?" האט דער בחור פארציילט אז ביי די ערשטע חתונה אין ישיבה וואס איז נאך דעמאלטס געווען א נייע זאך צו מאכן חתונות אין א בית המדרש, איז ער ארויפגעקומען קוקן וויאזוי' עס קוקט אויס - סתם פאר אינטערעסאנטקייט, און עס איז אים זייער געפאלן. א וואך נאכדעם האט ער דורכגעליינט דעם גליון וואס האט באשריבן אויף אלע פיר זייטן דעם חתונה אין בית המדרש. שפעטער האט ער שוין געזוכט דעם גליון יעדע וואך, און אזוי האט ער שוין אנגעהויבן הערן שיעורים און אזוי ווייטער, ביז ער איז ברוך השם אנגעקומען אין ישיבה.

דער ראש ישיבה הערנדיג דעם סיפור התקרבות פון דעם בחור - איז געווארן זייער פרייליך, און דער ראש ישיבה האט דערציילט פארוואס ביי יענע חתונה איז נאך געווען זייער שווער, ווייל מענטשן האבן נאכנישט געוויסט וויאזוי עס צו נעמען אז מ'מאכט חתונה בחינם, למשל, אינמיטן די חתונה איז צוגעקומען איינע פון די שוואגערס פונעם מחותן צום ראש ישיבה און געזאגט מיט א בייסיגע טאן "מזל טוב מזל טוב! שכח פארן פארשעמען אונזער משפחה". דער ראש ישיבה פארציילט ווייטער "ס'איז מיר ממש געקומען צום וויינען, איך בין אריין אין חדר הדפסה וואס איז נאך דעמאלטס געווען אין ישיבה, און זיך גוט אויסגעוויינט צום אייבערשטן".

שבת צופרי' האבן זיך די קינדער אנגערופן אז נאך די סעודה קען מען גיין שפאצירן אויפ'ן בריק - דער ראש ישיבה וואוינט נאנט צום וויליאמסבורג בריק - האט דער ראש ישיבה פארציילט אן אינטערעסאנטע מעשה: ס'געווען א ברסלב'ער חסיד וואס איז געגאנגען התבודדות אויפ'ן בריק, ווען מיטאמאל קומט צו א גוי צו אים מיט א גא"ן און זאגט אים "מאנ"י א"ר ליי"ף"! האט ער זיך גענומען טאנצן מיט'ן גוי 'בך רבינו נגילה, בך רבינו נשמחה' ביז דער גוי האט אינגאנצן פארגעסן פארוואס ער האט אפגעשטעלט דעם איד. איינער פון די קינדער האבן געפרעגט וואס מיינט מאנ"י א"ר ליי"ף, האט אים דער ראש ישיבה מסביר געווען וואס ס'מיינט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט נאך א מעשה: אין ארץ ישראל איז דא א געזעץ אז מ'טאר נישט גיין נאך געלט ביים כותל. איינער א ברסלב'ער חסיד איז יא געגאנגען נאך געלט דארט, האט מען אים ארעסטירט, דארט אין תפיסה זענען אויך געווען איינגעשפארט אסאך אראבער וואס זענען געזעצן דארט פאר שווערע פארברעכנס, און דער ברסלב'ער חסיד האט זיך גענומען טאנצן מיט די אלע אראבער דארט אין תפיסה און געזונגען אויף אראביש 'אלעס איז דער אייבערשטער אלעס איז דער אייבערשטער' ביז די תפיסה וועכטער האבן אים ארויסגעווארפן פון דארט און געשריגן אויף אים "דו מאך נישט פרייליך דא, לאז רואיג!!".

מ'איז אריינגעפארן אין א שמועס וועגן דעם שטעטל. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז דער בנין וואס מ'האט פאר די חדר און די סקול אויף טשעסנא"ט גאס איז א גרויסע נס אז מ'האט עס געקענט קויפן און נאך פאר אזא ביליגע פרייז. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אם ירצה השם וועט קומען נאך בנינים פאר די מוסדות.

# בילדער

## אפטיילונג







דער ראש ישיבה מיט די תלמידים אויפן וועג צו מקומות הקדושים אין אייראפע - זונטאג וישב תשפ״ב
רעכטס: אין לופטפעלד. לינקס: ביים שרייבן בריוון אויפן פליגער.





רעכטס: ביים ציון פון הייליג׳ן חתם סופר זי״ע. לינקס: ביים ציון פון הייליג׳ן ישמח משה זי״ע.





רעכטס: ביים ציון פון רבי הערש׳לע ליסקער זי״ע. לינקס: ביים ציון פון רבי ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע.

# בילדער
## אפטיילונג







רעכטס: ביים שרייבן בריוון אין קערעסטיר. לינקס: ביים ליינען קוויטלעך פאר אלע וואס זענען זיך משתתף מיט געלט פאר רענט אין ישיבה 27 סקילמאן, צוגעשטעלט געווארן דורך די "רענט קאמפיין"





רעכטס: ביים ציון פון הייליג'ן קול ארי' זי"ע. לינקס: ביים ציון פון הייליג'ן לבושי מרדכי זי"ע





רעכטס: ביים ציון פון הייליג'ן קדושת יום טוב זי"ע. לינקס: ביים ציון פון הייליג'ן ייטב לב זי"ע




# אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאץ

טַייעֶרע קִינְדֶער, אַ קַאץ קֶען הֶעלְפְן? אַ קַאץ קֶען מַאכְן נִיסִים?

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן נִיסִים; דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



וֶוער מַאכְט דִי גֶערוּדֶער?

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאץ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט יָארְן לַאנְג מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת פַאר אַ קַאץ. עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען אִין אַ צִימֶער אוּן פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט עֶר אַ גֶערוּדֶער וִוי אֵיינֶער דְרֵייְדְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'מִן הַסְתָּם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן זֶען ווִי אַזוֹי אִיךְ דַאוֶוען', דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אֶמוּנָה, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ שְׁטַארְק שָׁאקְלֶען אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן זָאלְן זֶען ווִי שֵׁיין עֶר דַאוֶוענְט, יֶעדֶעס מָאל עֶר הָאט גֶעהֶערְט גֶערוּדֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר דַאוֶוענְט, עֶכְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט.

וֵוייסְט אִיר קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן? וֵוייסְט אִיר וֶוער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דִי גֶערוּדֶער? אַ קֶעצְל! דָארְט הָאט גֶעווּאוֹינְט אַן אַלְטֶע פְרוֹי, זִי פְלֶעגְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אִינְדֶערְפְרִי אַ טָאפּ מִיט מִילְךְ פַאר דִי קֶעץ, דִי קֶעץ פְלֶעגְן אַרוּמְשְׁפְּרִינְגֶען בַּיים טְרִינְקֶען דִי מִילְךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דִי גֶערוּדֶער, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַלֶע זַיינֶע טֶעג פַאר קֶעצְלֶעךְ".

בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער דַאוֶוענֶען נִישְׁט פַאר קֶעץ, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער - וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט נִישְׁט קַיין קֶעץ אוּן נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

# ערעף

## די פאלגנדע ווערטער

מנורה. חנוכה געלט. דריידל. לאטקעס. ליכט.
אנטיוכוס. יוונים. מתיונים. בית המקדש. כהן גדול.
מכבי. חשמונאים. יהודית. אליפורני. דאונאטס. שמן
זית. פאנקעס. נס. גדול. היה. שם. קריגל. אויל. קנויטן.
מתתיהו. מי. להשם. אלי. מילכיגס. על. הניסים. חנוכה.

ק ו ב נ ג נ ד ת ס ד א א מ פ א נ ק ע ס ק כ ר ז ו מ
ה ק פ ל ד ר ב ת צ ש צ ט ס ש צ ל ב י נ י ר ע ו ת ע
ז ה ה מ ו נ ח ל ר נ ל ר ק ק מ ה י ה מ כ ב י צ ת א
ת ש ח ב ל ר ו ז צ ס ת מ ה ש ל ב ת ו ל ש ר י ג נ ס
ה ס ג י כ ל י מ ס מ ר ח פ ל ד ג ה ד א ש ה ו ק ל א
ע ע ע ב צ ע ת ח מ ד מ ר נ ז נ ס מ י ת ט פ ל ת ב ס
ל ה ת ל ד נ מ ק ל נ נ י ו ו ע ל ק ת ק נ ו י ט נ ל
ח ז ק ה ר צ ע א ל ק ו י נ ח כ ו ד ג ת ד כ מ ה צ ת
ח ש ט ק ת נ ג נ י א א ס ר ו א ה ש ז ג י ש ל א ח ש
ט ת מ כ ה ל י כ ה א ל ב ס ל י ל ג נ נ ס ה ה ח ע פ
א ו פ ו א צ ו ט ט ק ט ס מ ו ת ה ע ט פ פ ו ל ל צ
ס מ פ ט נ כ ו ק ל ק ר ט ט ו ע כ מ ד ל ק ה ס צ ט ט
מ צ ק ד כ א נ ד א ע מ ח א ג ת פ י א נ ט ע ש י ו ר
ו ע ח ח ו ת י ז נ מ ש נ נ ש ו ה ס י ע א נ ל ה ת ת
ס ז ר א י י מ מ ט פ ו י ו מ ל ג י י ז ח ל י י מ ב
ט פ ב ע ר נ צ ק י פ ב ש א ר ס ט נ פ ד ג ג ר ש ת ה
ל כ פ ד נ ד א ל ו ש א ו ד ג ה ל ה ע ס פ ט ב י ע ש
ו כ י ע ת נ ב ש כ כ י ל פ מ ו ג ל ה ל ס פ ש מ ש א
נ ת י ל מ ח י ג ס נ נ ת ב ס נ ת ע ז ח נ ה ק ס ל ש
ה ק נ ס מ ח ז ה ר ח נ י ש צ מ ע ת ז פ נ ט ג ת ת ד
ח ע ס צ ק ה ד ו ס פ ו ז ה ב כ כ ח א כ ט ו י ה ג ר
ז ז מ ע נ ו פ ז ר ש ה ט פ ע ק י פ א ז ח מ כ ו ה ז
ז ג צ ס ש י ה ק ט א צ ל ג ל צ ג ד ו מ ש כ א ה מ ט
ע ת כ ה ל ר פ ש א ט מ ל ל ס י ז ר ש ג ס ת ס ה כ ט
ג א מ א ס צ א ל ח פ ס ר נ ד ל ע ק צ כ ז ג א י כ ב




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

ב. כַּת שַׁקָּרִים אֵינָם מְקַבְּלִים פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

טייטש. א. די גרופע פון ליגנערס זענען נישט מקבל די פנים פון די שכינה.

פירוש. [די וואס זאגן ליגנט, שפירן נישט דעם אייבערשטן]



# חידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט:**

**די טעג פון חנוכה איז א צייט פון**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. טוהן חסד

ב. בעטן פאר גוטע קינדער

ג. לויבן דעם אייבערשטן

ד. זיך באנייען

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס זאגט תיקון הכללי

ענטפער: דארך שווין גארנישט זארגן

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**מלכה בירנבוים - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 6 | | 2 | 7 | 8 | | |
| 2 | | | | 9 | | | | |
| 3 | | | | | | 5 | | |
| | | 9 | | 8 | | | | |
| | 7 | 4 | 6 | 5 | | | | |
| 5 | | | | | 1 | | 6 | |
| | | 8 | | 1 | | 4 | 2 | 6 |
| | | | 9 | | | | | |
| | | 1 | | | | | | 5 |

# קאליר לויט די אנווייזונגען

1. בלוי 2. גרין 3.געיל 4. רויט 5. אראנדש 6. פערפל



# קאליר לויט די אנווייזונגען

לעכט - געל　　קריגל - אראנדש　　מנורה - בלוי　　דריידל - פערפל　　לאטקעס -ברוין






1
2
3
4
5
6
7
8
9
10
11
12
13
14
15
16
17
18
19
20
21
22
23
24
25
26
27
28
29
30
31
32
33
34
35
36
37
38





# ענדיג צו די בילדער











# העלף נחמן נתן געפינען די דריידלך פאר חנוכה!



בס"ד

# בית המדרש עצתו אמונה

187 Twinbridge Rd.

## • ימי חנוכה הם ימי הודאה! •

ביי די יעצטיגע געלעגנהייט ווילן מיר אויסדרוקן אונזער הכרת הטוב פאר
אלע וואס געבן זיך איבער און העלפן צו פאר די הצלחה פונעם בית המדרש
וואס איז אין די קורצע צייט זייט עס שטייט פארוואנדלט געווארן אין א שיינע
ווארעמע ווינקל פאר אנשי שלומינו פונעם אומגעגענט לתורה ותפלה.

צום אלעם ערשט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אונזער

### חשוב'ער און געטרייער ראש ישיבה שליט"א

וואס געבט זיך אוועק פאר אונזער הצלחה ברוחניות ובגשמיות, פון די גרעסטע זאכן ביז די קלענסטע פרטים,
אז מיר זאלן קענען האבן א שיינע לעבן און אויפציען אונזערע קינדער צו לעבן מיט'ן אייבערשטן
און זיך פירן לויט די רבי"ס עצות, פאר'ן אונז צושטעלן דעם בית המדרש עצתו אמונה.

אזוי אויך ווילן מיר זיך באדאנקען פאר

מוה"ר **יואל מנחם גרשון שניצלער** נ"י
פאר'ן מנדב זיין זיין בעיסמענט
אויפצושטעלן דעם בית המדרש און מקוה.

מוה"ר **יואל הכהן ראזענבערג** נ"י
פאר'ן זיך אוועקגעבן בלב ונפש
פאר די הצלחה פונעם בית המדרש און מקוה,
אזוי אויך פאר'ן מנדב זיין די לעיבאר
פון די ספליט-יוניטס.

מוה"ר **אברהם דוד לאקס** נ"י
פאר'ן פאנדרעיזן פאר'ן בית המדרש
און מקוה, און זען אז די ארבעט זאל זיך
רוקן על צד היותר טוב.

מוה"ר **יוסף הכהן פריעדמאן** נ"י
פאר'ן מנדב זיין א גרויס חלק פון די
פלאמבינג פאר'ן בית המדרש און מקוה.

מוה"ר **יואל הכהן לאנדא** נ"י
פאר'ן מנדב זיין די לעקטעריק
פאר'ן בית המדרש און מקוה.

מוה"ר **שמואל דוד ברוין** נ"י
פאר'ן מנדב זיין די סאונד-פרוף און שיטראק.

מוה"ר **מנחם מענדל שימשאוויטש** נ"י
פאר'ן מנדב זיין א ספליט-יוניט.

החתן **שמעון אביש** נ"י
פאר אלעס וואס ער העלפט ארויס
מיט'ן בויען דעם מקוה און בית המדרש.

והאחרון חביב
הרב **יעקב משה אינדארסקי** שליט"א,
פאר'ן זיך אוועקגעבן בלב ונפש בכל עת ועונה
פאר די הצלחה פונעם בית המדרש,
מחוטב עצי"ך עד שואב מימי"ך.

אזוי אויך ווילן מיר אויסדרוקן אונזער הכרת הטוב פאר

הרה"ג **דומ"ץ דקהילתינו** הק' שליט"א ואתו עמו הרה"ג ר' **שלמה רוטה** שליט"א מרבני הכולל
פאר'ן זיך אפגעבן מיט די מקוה בכל פרטיה ודקדוקיה, עס זאל זיין אויסגעהאלטן למהדרין מן המהדרין.

לאמיר אלע נעמען א חלק לקיים רצון צדיק:

**"אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּ מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' אִין זֵייעֶר שְׁטָאט, אִין דִי גֶעגְנְט וואו זֵיי וואוֹינֶען".**

ווער עס וויל האבן א חלק אינעם בית המדרש און מקוה קען זיך מעלדן צו
ר' אברהם דוד לאקס נ"י | 347.799.3361